בחצרות סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר
בעזהשי"ת
יום ג' פ' יתרו | י"ג שבט | תשע"א | פסחים: י"ע.

# באריכט

נעכטן אווענט האט מרן רבינו שליט"א אריינגעשריבן אן אות אינע'ם ספר תורה וואס וועט אי"ה אריינגעגעבן ווערן דעם קומענדיגן כ"א אדר אין ליזענסק ביומא דהילולא קדישא פון הייליגן בעל נועם אלימלך זי"ע.

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור ב' ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר קלמן עקשטיין הי"ו פון קרית יואל, נאכ'ן דאווענען האט דער רבי שליט"א געזאגט א שיעור בספר תהלים פאר די בחורים.

נאכ'ן דאווענען האט דער רבי שליט"א געטיילט מטבעות פאר אלע בחורי חמד פון שיעור ב' און שיעור ג' וועלכע האבן געלערנט שעות רצופות די פארגאנגענע שובבי"ם וואכן.

דערנאך איז דער רבי שליט"א אינאיינעם מיט די תלמידי הישיבה ארויף צום אוהל הק' מקום מנו"ק פון מרנן רבותינו הק' זי"ע ווי דער רבע שליט"א האט מתפלל געווען און זיך משטתח געווען אויף די ציונים הק' לרגל די בעפארשטייענדן חתונה וואס קומט אי"ה פאהר מארגן – מיטוואך בבית מדרשינו הגדול אין וויליאמסבורג.

אצינד אויפדערנאכט נעמט מרן רבינו שליט"א אויף אין וויליאמסבורג בביתו נאוה קודש. און מארגן ביום החופה וועט מען קענען אריינגיין להתברך בברכת הקודש פון 4:30 ביז 5:30 פונקטליך.

## ברוך דיין האמת

היינט אינדערפרי איז נפטר געווארן הרה"ח הישיש מוה"ר אברהם שלום עפשטיין ז"ל מזקני אנשי שלומינו, אין עלטער פון 87 יאהר, נאכ'ן נישט זיין געזונט א שטיק צייט.

דער נפטר ז"ל איז געווען צוגעבינדן צו רבותיה"ק זי"ע, און יבדלחט"א מרן רבינו שליט"א, און איבערגעלאזט דורות ישרים ומבורכים, קינדער אייניקלעך און אור אייניקלעך זרע ברך ה'.

די לוי' איז ארויס היינט נאכמיטאג פון ביהמ"ד 152 ראדני אויפן וועג קיין קרית יואל ווי דער איז געקומען לקבורה אין ביה"ח ד'קרית יואל.

*ובלע המות לנצח*

*-בשורות טובות-*

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,
און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין
מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען
פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.